בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' בהר

**כיתה ב' (א)**
**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**כיתה ב' (ב)**
**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** פון אנהייב 7 פסוקים.

**קריאה:** מיר האבן געגעבן צו ליינען די מעשה פון "נישט גענומען די טייערע בריליאנטן".

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**ניגון:** מיר האבן געזונגען מיט די קינדער "בר יוחאי" אינעווייניג אין סידור

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מנהגים און הלכות פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**באגריפן:** שמיטה, יובל.

**א גוט שבת**

**המלמד**

## חומש סעודה

מיר האבן שוין אין חדר געלערנט מיט יעדן קינד עקסטער זיינע גראמען
וואס ער גייט אי"ה אליין זינגען ביי די חומש סעודה

**מיר שיקן יעצט אהיים די גראמען און מיר בעטן די עלטערן זאלן איבער'חזר'ן במשך'ן שבת מיטן קינד אן א ניגון עס זאל זיין שגור בפיהם די גראמען אויף אויסנווייניג**

# אינהאלט פון די וואך

## מצות שמיטה

מיר האבן געלערנט אז אין די לאנד ארץ ישראל איז די מצוה פון שמיטה אין די זיבעטער יאר, און מיר האבן מסביר געווען אז זעקס יאר מעג מען ארבעטן אין פעלד איינפלאנצן און אקערן די פעלד און אין די זיבעטע יאר טאר מען נישט מאכן קיין שום ארבעט אין פעלד.

און אלע זענען מפקיר זייערע פעלדער און מ'הענגט אויף א גרויסע טאוול אז די פעלד איז הפקר און יעדער איינער קען אריינקומען נעמען פון זיינע פירות.

און אלע מענטשן וואס האבן פעלדער גייען אין שוהל און זיי לערנען תורה די גאנצע יאר פון שמיטה.

און דער אייבישטער האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט האלטן שמיטה און ער וועט נישט ארבעטן אין זיין פעלד אין די יאר פון שמיטה וועט דער אייבישטער אריינשיקן די ברכה אין זיין פעלד און ס'וועט איהם גארנישט פעלן אפילו מ'ארבעט נישט אין פעלד.

## די טעם פון מצות שמיטה

1) כדי מ'זאל וויסן אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט וואס אונז פאלגן מיר וואס ער הייסט און וויבאלד ער האט געזאגט אז מ'טאר נישט ארבעטן אין פעלד ארבעט מען נישט.

2) מ'איז מפקיר די פעלד אז יעדער זאל קענען אריינקומען נעמען פון זיינע פירות כדי מ'זאל זיך צוגעוואוינען ארויסצוהעלפן א צווייטן.

3) צו פארמערן אמונה און בטחון אין דעם באשעפער אז ער וועט אריינשיקן די ברכה אין פעלדער און ער וועט אונז זארגן עסן אפילו מ'ארבעט נישט אין די פעלדער.

## קדושת הפירות

אין שמיטה איז דא א ספעציעלע קדושה אויף די פירות, און מ'טאר נישטווארפן קיין פירות אין מיסט, און די איבער געבליבענע עסן לייגט מען אין א עקסטערע מיסט-קאסטן פון שמיטה.

## שמיטת כספים

אין די יאר פון שמיטה ווערט אויסגעמעקט אלע חובות פון געלט וואס יעדער איינער האט, און וועגן דעם האבן חז"ל מתקן געווען אז מ'זאל מאכן א "פרוזבול", און אויב מ'מאכט א פרוזבול גייט אלע חובות פאר די בית דין און מ'מעג עס צוריק בעטן.

## יובל

די יאר פון יובל איז די פופציג'סטע יאר, וואס אין דעם יאר ווערן אלע קנעכט באפרייט און זיי גייען צוריק צו זייערע שטובער, די מצוות פון שמיטה און יובל איז נאר אין ארץ ישראל און נישט אין חוץ לארץ.

## לא תונו

דער אייבישטער האט געזאגט אז מ'טאר נישט אויספאפן איינער דעם צווייטן נאר מ'דארף האנדלען ערליך.

## עבד עברי

א עבד עברי איז א איד וואס איז געווארן א קנעכט פאר א אנדערן איד, און דאס איז נאר ביז זעקס יאר, אדער ביז יובל, מ'טאר אים נישט געבן צו ארבעטן שווערע אדער פארשעמטע ארבעט, מ'דארף אים געבן עסן, קליידונג, און שלאפן א.ד.ג., פונקט ווי ער האט פאר זיך אליין.

## עבד כנעני

א עבד כנעני איז א גוי וואס א איד האט אים געקויפט פאר א קנעכט, ער בלייבט אייביג א קנעכט, חוץ אויב מ'האט אים ארויס געהאקט א ציין אדער א אויג דעמאלטס גייט ער ארויס פריי, מ'קען אים אלעס געבן צו ארבעטן, און אויב זיין בעל הבית איז א כהן מעג ער עסן תרומה.

# פניני השבת (ב)

**עונג שבת**

מ'דארף קויפן גוטע און פיינע עסן לכבוד שבת כדי צו מענג זיין דעם שבת, און ווער עס פארמערט צו מענג זיין דעם שבת איז געלויבט, און יעדער איינער איז מחוייב צו מענג זיין דעם שבת און מ'איז מקיים דערמיט א מצוה אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "וקראת לשבת עונג".

**שבת אין די וואכעדיגע טעג**

שמאי הזקן האט געגעסן יעדן טאג לכבוד שבת, זונטיג האט ער געקויפט א שיינע בהמה און ער האט געזאגט אז דאס זאל זיין לכבוד שבת, אבער מאנטיג האט ער געטראפן א שענערע בהמה האט ער געזאגט אז דאס זאל זיין אויף שבת, און די נעכטיגע האט ער אויפגעגעסן, און אזוי איז געווען יעדן טאג, קומט אויס אז יעדן טאג האט ער געגעסן לכבוד שבת.

**טועמיה**

מ'פירט זיך צו טועם זיין אביסל פון די עסנווארג פון שבת כדי צו קאסטן אויב די עסן איז גוט, און ס'איז דא א רמז דערויף וואס מ'דערמאנט ביי מוסף פון שבת "טועמיה חיים זכו", אבער מ'מעג עסן נאר אביסל ווייל מ'טאר נישט עסן פרייטיג נאכמיטאג א גרויסע סעודה כדי ער זאל קענען עסן ביינאכט מיט אפעטיט.

**שנים מקרא ואחד תרגום**

מ'ליינט די פרשה און מ'איז מעביר סדרה צוויי מאל יעדע פסוק און איין מאל זאגט מען די תרגום.

**זיך וואשן די גוף און אפשערן די נעגל**

עס איז א מצוה זיך אפצוואשן די גאנצע גוף מיט הייסע וואסער לכבוד שבת. אויך שערט מען זיך אפ די נעגל פון די הענט, מ'הייבט אן מיט די לינקע האנט און נאכדעם די רעכטע האנט, און נאכדעם דארף מען פאברענען די נעגל אדער באערדיגן, מ'דארף אכטונג געבן ס'זאל נישט אראפ פאלן קיין נעגל אויף די ערד ווייל ס'איז א סכנה צו טרעטן אויף דעם, און נאך וואס מ'ענדיגט זיך צו אפשערן די נעגל דארף מען זיך וואשן די הענט.

**ארבעטן ערב שבת**

מ'טאר נישט גיין ארבעטן פרייטיג נאכמיטאג, און ווער ס'ארבעט דעמאלטס איז נישט מצליח און ער זעהט נישט קיין סימן ברכה פון זיין ארבעט.

**"שבת" איז ראשי תיבות: שינה בשבת תענוג**

# ג. הקוצר



נאך וואס די ווייץ איז שוין געוואקסן שניידט מען דאס אפ, און דאס טאר מען נישט טוהן אין שבת.

אזוי אויך טאר מען נישט אראפנעמען פירות אדער בלומען אדער אראפרייסן בלעטער פון די פלאץ וואס ס'וואקסט, און אזוי אויך טאר מען זיך נישט באנוצן מיט א בוים אין שבת ווייל איך האב מורא אז ער וועט אראפרייסן.

# ד. המעמר



נאך וואס מ'שניידט אראפ אלע ווייץ נעמט נען עס צוזאם און מ'מאכט דערפון אזעלכע הויפנס, און דאס טאר מען נישט טוהן אין שבת.

און די זעלבע זאך טאר מען נישט צוזאם נעמען פירות אדער בלומען אין פעלד, אבער אין שטוב וואס ס'וואקסט נישט דארט מעג מען.

# שאלות מיט תשובות

**א. וועלכע יאר איז שמיטה ?**

די זיבעטע יאר.

**ב. וואס טאר מען נישט מאכן שמיטה ?**

איינפלאנצן און אקערן די פעלד.

**ג. און פון וואו וועט זיין צו עסן אויב מ'פלאנצט נישט איין די פעלד ?**

דער אייבישטער האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט היטן שמיטה וועט ער בענטשן אז ער זאל האבן וואס צו עסן אין שמיטה.

**ד. וועלכע יאר איז יובל ?**

די פופציגסטע יאר.

**ה. וואס מאכט מען מיט די פירות וואס האבן א קדושה פון שמיטה ?**

מ'ווארפט אריין די איבער געבליבענע פירות אין עקסטערן מיסט-קאסטן פון שמיטה.

**ו. וואס טאר מען נישט געבן פאר א עבד עברי צו ארבעטן ?**

שווערע אדער פארשעמטע ארבעט.

**ז. וואס דארף מען געבן צו עסן פאר א עבד עברי ?**

די זעלבע עסן וואס ער אליין עסט.

**ח. ביז ווען בלייבט א עבד כנעני א קנעכט ?**

אייביג, חוץ אויב ער האט אים אויסגעהאקט א ציין אדער א אויג.

**ט. וועלכע צדיק האט יעדן טאג געגעסן לכבוד שבת ?**

שמאי הזקן.

**י. וואס מיינט "טועמיה" ?**

ערב שבת עסט מען אביסל פון די שבת'דיגע עסן צו זעהן אויב ס'איז גוט.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ______________________ ני"ו**

**חומש:** ________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** ______________________________

**שירים:** ________________________________________

**נושא השבוע:** ____________________________________

**ברכת המזון:** ____________________________________

**התנהגות כללית:** _________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ________________________________

**התפלל:** ________________________________________

**הערות:** ________________________________________

**חתימת ההורים** ____________________

ביטע צוריק שיקן זונטיג די מעשה ביכל

די קינדער זאלן ברענגען א חומש במדבר מאירת עינים

ווער עס איז אינטערסירט מיר זאלן עס בינדן זאל עס שיקן ביז מאנטיג מיט 6 שקל